**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/27/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

# גאווערנאר האוקאל אנאסירט לעצטע רונדע פון געווינער פון די #VAXANDWIN פוּטבאָל גורל אין צוזאמענארבעט מיט ניו יארק'ס פראפעסיאנאלע פוּטבאָל טיעמס

## פרייזעס רעכענען אריין טיקעטס פאר שפילן, טורס אין די סטאדיום, אונטערגעשריבענע חפצים און נאך פון די באָפעלאָו בילס, ניו יארק דזשייענטס און ניו יארק דזשעטס

## וואקסין ערמוטיגונג ווידעאוס וואו עס פיגורירן ברוּס סמיט פון די באָפעלאָו בילס קען מען זעהן דא און קאַרל בענקס פון די ניו יארק דזשייענטס קען מען זעהן דא

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט די געווינער פון די לעצטע רונדע פון ניו יארק סטעיט'ס #VaxandWin פוּטבאָל גורל – א באלוינונג פראגראם געאייגנט צו ערמוטיגן אומוואקסינירטע ניו יארקער צו וואקסינירט ווערן אין צוזאמענארבעט מיט ניו יארק'ס פראפעסיאנאלע פוּטבאָל טיעמס.

"אזוי ווי מיר קומען צום שלוס פון אונזער #VaxandWin פוּטבאל גורל, זעצן מיר פאר אונזער ארבעט צו זיכער מאכן אז אלע בארעכטיגטע ניו יארקער ווערן וואקסינירט", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "אונזער צוזאמענארבעט מיט אלע ניו יארקע פראפעסיאנאלע פוטבאל טיעמס איז א ביישפיל פון פובליק-פריוואטע שותפות'ן אויפן בעסטן אופן, און איך באדאנק די באָפעלאָו בילס, די ניו יארק דזשייענטס און די ניו יארק דזשעטס פארן זיך אנשליסן מיט די סטעיט אין די וויכטיגע אונטערנעמונג. פאר אונזערע לעצטע רונדע געווינער, און פאר אלע וועלכע זענען ארויסגעקומען זיך צו וואקסינירן, זאג איך: א דאנק פארן באשיצן אייך אליין און אייערע קאמיוניטי מיטגלידער. די וואקסין איז זיכער, ווירקזאם, און עס איז אונזער בעסטע שוץ מיטל קעגן דעם ווירוס, און מיר וועלן פארזעצן צו טוהן אלעס וואס נאר מעגליך צו העלפן ניו יארקער אין יעדע עלטער צו מאכן די באשלוס צו וואקסינירט ווערן רואיגערהייט."

די פרייזעס פאר געווינער רעכענען אריין טיקעטס צו שפילן, ספעציעלע ערפארונגען דורכאויס שפילן, טורס אין די סטאדיום, אונטערגעשריבענע חפצים, פעיסטיים ווידעאו קאָלס מיט געוועזענע שפילער און נאך, פון די באָפעלאָו בילס, ניו יארק דזשייענטס און ניו יארק דזשעטס. ניו יארק סטעיט האט אפגעהאלטן די יושר'דיגע גורלות, און נייע געווינער זענען אויסגעוועהלט געווארן יעדע וואך אין לויף פון פינף וואכן. אלע ניו יארקער וועלכע האבן באקומען זייער ערשטע קאוויד-19 וואקסין דאזיג פון סעפטעמבער 9, 2021 ביז אקטאבער 24, 2021 זענען בארעכטיגט געווען אריינצוגיין. עלטערן און גאַרדיענס האבן געקענט אריינגיין אין די גורל פאר ניו יארקע סקול קינדער אין עלטער פון 12 ביז 17 יאר.

אלס טייל פון די באמיאונגען, איז די סטעיט אויך ארויסגעקומען מיט אן אדווערטייזמענט קאמפיין מיט יעדע טיעם באזונדער, אריינרעכנענדיג ערמוטיגונג צו וואקסינירט ווערן אין ווידעאוס און רעקארדירונגען אויפגעשפילט אויף די ראדיא וואו עס פיגורירן געוועזענע שפילער וועלכע האבן אלע אליין באקומען די קאוויד-19 וואקסין. ווידעאוס – וואו עס פיגורירן ברוּס סמיט, א 'דעפענסיוו ענד' שפילער אין די באָפעלאָו בילס באערהרט דורך די 'האָל אָוו פעים', און קאַרל בענקס, וועלכער איז צוויי מאל געווען די סוּפּערבאָול

טשעמפּיאָן פון די ניו יארק דזשייעטס – זענען ארויסגעגעבן געווארן פאר אלע ניו יארקער צו זעהן דא (סמיט) און דא (בענקס).

**די גענוינער פון די לעצטע רונדע זענען:**

**באפעלאו ביל פרייזעס:**
ברעט גילמאן, ערי קאונטי
דזשודיט דזשעסעוויטש, פולטאָן קאונטי
מאַרגאַרעט דזשאָנס, רענסעלעיר קאונטי
עשלי סמאָלען, ערי קאונטי

**ניו יארק דזשייענטס פרייזעס:**
עריקע דעלעהאנטי, ראַקלענד קאונטי

**ניו יארק דזשעטס פרייזעס:**
ענדזשעלע אלעימאָו, ניו יארק קאונטי
שאָן קאַנראָי, ניו יארק קאונטי
קעילי קווינטעראָו, נעסאָו קאונטי
מילענע פעדיש, קינגס קאונטי
ברייען מיינדל, סופאלק קאונטי

די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט האט פעסטגעשטעלט אז די געווינער זענען טאקע וואקסינירט.

ניו יארקער קענען באזוכן vaccines.gov, טעקסטן זייער זיפּ קאָוד צו 438829, אדער רופן 1-800-232-0233 צו געפונען א דערנעבנדע וואקסינאציע פלאץ און נאך היינט וואקסינירט ווערן קעגן קאוויד-19.

צו לערנען מער איבער די קאוויד-19 וואקסין און סקול קינדער, קענען ניו יארקער באזוכן אונזער ספּעציעלע וועבזייטל ny.gov/vaxtoschool אדער פאַלאָוען @VaccinateNY אויף אינסטאגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן